# א מעשה'לע

גליון כ"ב

פרשת שופטים תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵים זַיין שַׁ"ס

"הֵיילִיגֶער רֶבִּי, הֶעלְף מִיר אַז אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען שַׁ"ס אוּן מְסַיֵים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס!" אַזוֹי זִיצְט חֵייקְל בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן וֵויינְט.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ נָאנְטֶער תַּלְמִיד, חֵייקְל, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן: "חֵייקְל חַזָן"; עֶר הָאט גֶעקֶענְט זֵייעֶר שֵׁיין זִינְגֶען. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אִים צוּ הֶערְן זִינְגֶען, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן פְּלֶעגְט חֵייקְל אַלְץ גֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זִיךְ, פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן; עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין, עֶר פְּלֶעגְט בֶּעטְן אַלֶע זַיינֶע בַּקָשׁוֹת.

קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט אַז מֶען קֶען טַאקֶע אִיבֶּערָאל בֶּעטְן דֶעם




הֶעלְף אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן שַ״ס

אֵײבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵײבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵײנֶעם, נִישְׁט קַײן חִילוּק וֶוער מֶען אִיז אוּן וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ, אָבֶער דֶער אֵײבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נָאכְמֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער אוֹיס וֶוען מֶען גֵײט צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק; בַּײ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק זֶענֶען דִי הִימְלֶען אָפְן, דִי תְּפִילוֹת גֵײעֶן דָארְט אַרוֹיף זֵײעֶר שְׁנֶעל.

אַמָאל הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי חֵײקְל זִיצְט בַּײם צִיוּן אוּן וֵוײנְט צוּם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵײעֶר, הֶעלְף אַז מַײנֶע קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, וַוײל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אַז וֶוער עֶס אִיז מְסַיֵים שַׁ"ס בַּאקוּמְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, אַ הֵײלִיגֶע לִיכְטִיגֶע גֶעזוּכְט; רֶבִּי, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵײעֶר אַז אַלֶע מַײנֶע קִינְדֶער אוּן מַײנֶע דוֹרוֹת זָאלְן אַלֶע לֶערְנֶען דִי הֵײלִיגֶע גְמָרָא אוּן דָאס עֶנְדִיגְן".

טֵײעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער עֶס וִויל הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, וֶוער עֶס וִויל אַ הֵײלִיגְקֵײט אוֹיפְ'ן פָּנִים - זָאל אָנְהוֹיבְּן שַׁ"ס. יֶעדֶער אֵײנֶער קֶען דָאס בַּאוַוײזְן, מֶען דַארְף נִישְׁט בַּײם לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

הוֹיבְּט אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אִין אַ רֵײעֶ אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵײן; עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַײט, עֶס גֵײט נִישְׁט אִין אֵײן מִינוּט; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אִין דִי פְרֵײעֶ צַײט אַבִּיסְל גְמָרָא - אִיז מֶען זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַײט צוּ מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף אַ מַסֶכְתָּא, אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס.

אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען זִינְגֶען: "דֶער הֵײלִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט שַׁ"ס אִיז זוֹכֶה צוּ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ הֵײלִיגֶע לִיכְטִיגֶע גֶעזוּכְט".

# סֵפֶר הַמִּידּוֹת

לִמּוּד - חלק א'

סא. מִי שֶׁאֵין לוֹ הֲבָנָה בְּלִמּוּדוֹ, יִשְׁבֹּת אֵצֶל צַדִּיק. גַּם עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לִלְמֹד תּוֹרָה לִשְׁמָהּ.
אוֹ יִשְׁתַּדֵּל לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה תַּעֲנוּג לַצַּדִּיק אוֹ יְלַמֵּד בְּשִׂמְחָה אוֹ יְקַבֵּל אֶת הַשַּׁבָּת בְּשִׂמְחָה אוֹ יְקַבֵּל הַצַּדִּיק בְּשִׂמְחָה.

סא. אוֹיבּ אֵיינֶער פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, זָאל עֶר גֵיין אוֹיף שַׁבָּת צוּ אַ צַדִּיק, אוּן דָאס וֶועט אוֹיךְ הֶעלְפְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ. אָדֶער זָאל עֶר פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן אַ פַארְגֶעניגְן פַאר'ן צַדִּיק, אָדֶער לֶערְנֶען פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אָדֶער מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת מִיט פְרֵייד, אָדֶער אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם צַדִּיק מִיט שִׂמְחָה.




## קול ברסלב

**212.444.9191**

**845.351.0910**

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691